בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קל"ד

**יו"ל: כ"ז אדר א' ה'תשפ"ד לפ"ק**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה **(MP3)** של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
**בקו 'מערכת ברסלב'**
**ארה"ק:** 02.560.7387
**ארה"ב:** 646.585.2985
**ענגלאנד:** 0330.390.0487
**בעלגיע:** 03.808.1775

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #134**

# תוכן השיעור

**נישט זיין קיין קעניגליכער קנעכט...**
**"מרדכי" - 'מר דרור'**
**"וּמַלְכוּתוֹ בְּרָצוֹן קִבְּלוּ"**
**קדושת שמן המשחה**
**פיילן אָן קיין בויגן...**
**"מכשירי מצוה כמצוה דמי"**
**געשטארבענע טעג...**
**המנין בלובלין עם המהרש"ל**
**"דער בעל שם'ס אַן אייניקל זאל נישט זאגן 'איזהו'?!"**
**"וְלֹא בָזָה אֶת תְּפִלָּתָם"**
**א הייסער פרישער קניש...**
**איין ברכה - איין מינוט!**
**משיח וועט האבן א גוטע ארבעט**
**מיט יעדעס דריי - דרייען זיך עולמות!**
**"וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים"**
**צער הבושה יותר מעונש גיהנום**
**"אדער א נסיון, אדער א בזיון"**

בס"ד

# פרשת פקודי (ח"א)

**שנת תשל"ו**

(טייפ מס' 151#)

## נישט זיין קיין קעניגליכער קנעכט...

[שיחה על-פי ליקוטי מוהר"ן מאמר נ"ו, אות ב']

"וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד, לִבְלִי לְהִשְׁתַּמֵּשׁ עִם בְּחִינוֹת הַמַּלְכוּת שֶׁיֵּשׁ לוֹ, לַהֲנָאָתוֹ וּלְצָרְכּוֹ. שֶׁלֹּא תִּהְיֶה בְּחִינוֹת הַמַּלְכוּת אֶצְלוֹ כְּעֶבֶד לְמַלֹּאת תַּאֲוָתוֹ, רַק שֶׁתִּהְיֶה בְּחִינַת הַמַּלְכוּת בִּבְחִינַת בֶּן חוֹרִין. בִּבְחִינַת (קֹהֶלֶת י): 'אַשְׁרֵיךְ אֶרֶץ שֶׁמַּלְכֵּךְ בֶּן חוֹרִין', שֶׁהַמַּלְכוּת יִהְיֶה אֶצְלְךָ בֶּן חוֹרִין, לִבְלִי לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ לַהֲנָאָתְךָ".

דער עיקר, די מלכות זאל זיין אין חירות.

אז א מענטש וויל פירן א מלכות וואס דאס זאל טאקע זיין לה' - אויב ער האט א חשיבות אין אנדערע זאכענישן קען דאס מלכות נישט זיין אזוי ווי מען דארף. אויב א מלך זאל האבן א שעבוד צו אנדערע זאכן, אויב ער איז נישט פריי נאר צו דער זאך, קען ער בשום אופן נישט פירן קיין מלכות.

"וְזֶה בְּחִינַת מָרְדֳּכַי, בְּחִינַת 'מָר דְּרוֹר' (חֻלִּין קל"ט:) - שֶׁהַמָּרוּת, הַיְנוּ הַמַּלְכוּת, יֵשׁ לָהּ דְּרוֹר וְחֵרוּת, שֶׁלֹּא לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בָּהּ לַהֲנָאָתוֹ וּלְצָרְכּוֹ, כִּי אִם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בִּבְחִינוֹת (עֹבַדְיָה א): 'וְהָיְתָה לַה' הַמְּלוּכָה'. דְּהַיְנוּ לְהִשְׁתַּמֵּשׁ עִם הַמַּלְכוּת לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ".

דער אויבערשטער האט אונז געגעבן יעדן איינעם זיין מלכות, דארף די מלכות זיין 'מר דרור'.

**מרדכי הצדיק איז געווארן א שני למלך אויף הונדערט זיבן און צוואנציג מדינות[א], אבער ער איז געווען פריי, ער האט נישט געהאט קיין שום שעבוד - אט דאס איז די עיקר מלכות!**

**דער אויבערשטער זאל העלפן - די מלכות זאל נישט האבן קיין שעבוד.**

❖

## "מרדכי" - 'מר דרור'

**דער רבי זאגט אין תורה י' אין דעם אנדערן חלק[ב], צוקומען צו ישוב הדעת איז נאר דורך שמחה, דורך חירות. אז מען איז 'בחירות', דעמאלט קען איך צובינדן דעם מח צו 'איין זאך' און האבן דעם ישוב הדעת; (אויב נישט,) דעמאלט אז איך וויל זיך מיישב זיין, פליהט דער מח אוועק אויף אַן אנדערע זאך. אז איך וויל זיך מיישב זיין אין א זאך, דארף איך זיך צובינדן צו דעם געדאנק.**

**(למשל,) אז איך וויל ארומרעדן די זאך פון ממאס זיין די מידה פון גאוה, דארף איך זיך צובינדן צו דעם געדאנק, איך דארף האבן דעם געדאנק - 'איצטער רעד איך פון דער זאך', אבער אז איך האב אין זיך אַן אנדער שעבוד - לויפט ער אוועק.**

**פארוואס קען ער נישט איינהאלטן דעם געדאנק ווען ער רעדט צום אויבערשטן? פארוואס לויפט ער אוועק? ווייל ער האט אַן אנדער שעבוד, ער איז נישט פריי נאר צום אויבערשטן, ער האט אַן אנדער שעבוד, דערפאר לויפט ער אוועק.**

---

[א] אסתר י, ג.

[ב] וזל"ש: **אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ. רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת,** בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָה נ"ה): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן חוֹרִין וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת. וְעַל כֵּן כְּשֶׁמְּקַשֵּׁר שִׂמְחָה אֶל הַמֹּחַ, אֲזַי מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ בֶּן חוֹרִין, וְאֵינוֹ בִּבְחִינַת גָּלוּת, וַאֲזַי יוּכַל לְהַנְהִיג אֶת מֹחוֹ כִּרְצוֹנוֹ וּלְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, מֵאַחַר שֶׁמֹּחוֹ בְּחֵרוּת וְאֵינוֹ בְּגָלוּת. כִּי עַל יְדֵי גָּלוּת אֵין הַדַּעַת מְיֻשָּׁב, כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מְגִילָּה יב:) עַל בְּנֵי עַמּוֹן וּמוֹאָב, דִּמְיָתְבָא דַּעְתַּיְהוּ מֵחֲמַת שֶׁלֹּא הָלְכוּ בְּגָלוּת, שֶׁנֶּאֱמַר (יִרְמְיָה מ"ח): "שַׁאֲנַן מוֹאָב מִנְּעוּרָיו וְכוּ', וּבַגּוֹלָה לֹא הָלָךְ, עַל כֵּן עָמַד טַעְמוֹ בּוֹ" וְכוּ'.

דער עיקר איז, די מלכות וואס מען האט דיר געגעבן זאל זיין בחירות - 'האב נישט קיין אנדערע שעבודים איסער דעם'. אז עס איז דיר שווער א גאנצן (טאג), אבער על כל פנים, אין דער שעה, אין דער צייט וואס דו רעדסט צום אויבערשטן, זיי משעבוד צום אויבערשטן, לאז נישט צו קיין אנדער (שעבוד).

דער רבי רופט עס אָן[ג]: "מסירות נפש"; דאס 'צובינדן דעם געדאנק נאר צו דער זאך, דאס איז מסירת נפש!

אט דאס הייסט 'מלכות', דעמאלט קען מען דאס פירן. דער גאנצער שבח אויף מרדכי'ן איז, 'מר דרור' - זיין מלכות איז געווען פריי. 'מר' - טייטשט דער רבי, דאס איז 'מרות'. און 'דרור' איז 'חירות'.

❖

## "וּמַלְכוּתוֹ בְּרָצוֹן קִבְּלוּ"

מען האט שוין כמה גערעדט, אין די ספירות הקדושות רופט זיך 'מלכות' - 'לית לה מגרמה כלום' - זי האט פון זיך גארנישט[ד]. איבער וואס בין איך א מולך?! איך בין דאך א מולך איבער עפעס, אויב איך האב נישט דעם עפעס, אויף וואס בין איך מולך?! אז דער אויבערשטער איז איינער, איז נישט שייך, 'אין מלך בלא עם', האט ער געמוזט באשאפן א וועלט, וואס דעמאלט איז שייך א מלכות[ה]. די אלע ספירות הקדושות מוזן טאקע אנקומען צו מלכות, אבער מלכות אליין האט פון זיך גארנישט, נאר ער איז א מושל איבער אנדערע.

---

[ג] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ו: מְסִירַת נֶפֶשׁ יֵשׁ לְכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּכָל יוֹם וּבְכָל שָׁעָה ... וְכֵן בִּתְפִלָּה אִיתָא בַּמִּדְרָשׁ הַנֶּעְלָם (חַיֵּי שָׂרָה דַּף קכד:), שֶׁהִיא בְּחִינַת, "כִּי עָלֶיךָ הֹרַגְנוּ כָּל הַיּוֹם" וְכוּ', הַיְנוּ מְסִירַת נֶפֶשׁ. **כִּי צָרִיךְ יְגִיעָה גְּדוֹלָה וּמִלְחָמָה גְּדוֹלָה עִם הַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים, וְתַחְבּוּלוֹת לָנוּס וְלִבְרֹחַ מֵהֶם, וְעַל זֶה נֶאֱמַר: 'כִּי עָלֶיךָ הֹרַגְנוּ' וְכוּ'**, כַּמּוּבָא בַּמִּדְרָשׁ הַנֶּעְלָם, **נִמְצָא שֶׁהוּא מְסִירַת נֶפֶשׁ**. גם עיין שיחות הר"ן אות י"ב.

[ד] עיין זוהר ויחי רלח. רלט:

[ה] כמבואר בעץ חיים בתחילתו, וכמובא בליקוטי מוהר"ן סי' מ"ט, וסי' ס"ד.

(למשל,) צו דער ספירה פון חסד מוז מען האבן מלכות צו קענען מושל זיין מיט דעם חסד; ווייל חסד קען זיין - דער גרעסטער בעל עבירה איז חסד, די גרעסטע פגמים נעמט זיך פון חסד, פון אהבת רעות, ממילא דארף די מלכות זיין א מלך איבער דעם חסד; מלכות איז א ספירה איבער דעם חסד.

(אזוי אויך) גבורה - יראת ה' איז גבורה, וואו א גרויסער ירא חטא - נעמט זיך דאס פון גבורה; און (לעומת זה,) וואו א גזלן נעמט זיך דאס אויך פון גבורה - די אלע רוצחים און גזלנים נעמען זיך פון גבורה; דער אויבערשטער גיט דאך נישט קיין מצוייר'דיגע גבורה וואס עס זאל שוין זיין נאר לה', נאר ער גיט דעם מענטש א מידה פון גבורה. איז ווער מאכט דאס? 'מלכות'! 'מלכות' איז דער מושל אז מיט דער מידה פון 'גבורה' זאל מען פירן די גבורה אזוי ווי דער אויבערשטער וויל - אויף יראת ה'.

קומט אויס, מלכות אליין האט גארנישט, זי אליין איז נישט קיין זאך, נאר זי איז א מושל איבער יענעם, זי איז 'לית לה מגרמה כלום', אבער יעדער איינער מוז אנקומען צו איר.

(ר' נחמן: "כל הנחלים הולכים אל הים" - אלע ספירות שיינען אריין אין 'מלכות'!) וואס הייסט 'שיינען אריין אין מלכות'? אז די מלכות איז מושל איבער זיי אלע, דעמאלט קומט אויס אז די מלכות איז לה'.

דער רבי ברענגט כמה מאל[ז], דער אויבערשטער שרייט[ח]: "שָׁאֹג יִשְׁאַג עַל נָוֵהוּ" - 'על נוה דיליה' - דאס איז מלכות[ט]. אויף וואס שרייט דער אויבערשטער? אז די מלכות איז אריינגעפאלן צו זיי.

די מלכות דארף מען נאר אויסניצן פארן אויבערשטנ'ס וועגן. דער אויבערשטער האט באשאפן דער וועלט ווייל 'אין מלך בלא עם', דארף יעדער איינער זעהן אז די

---

[ו] עיין זוהר בא דף מג. ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ח, אות ב'.

[ז] ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ט, אות ג'; סי' ל', אות ו'.

[ח] ירמי' כה, ל.

[ט] עיין זוהר אחרי עד:

מלכות זאל זיין מיט דער כוונה פון דער בריאה, וואס דאס איז געווען צוליב 'מלכות' - צוליב 'מלכותו יתברך', יעדער איינער - אין שטוב, ביי די חינוך פון די קינדער (וכדו'), דעמאלט הייסט דאס אז ער איז מכבד דער מלכות פון דעם אויבערשטן[י].

פורים איז געווען טאקע, "וּמַלְכוּתוֹ בְּרָצוֹן קִבְּלוּ עֲלֵיהֶם"[יא]. דעמאלט ווען מרדכי הצדיק איז געווארן דער שני למלך, איז געווארן אזא מין התגלות המלכות, אז עס איז געווארן ממש א נייע קבלת התורה, יעדער איינער האט גענומען דער מלכות - לה', איז טאקע געווארן 'ומלכותו ברצון קבלו עליהם'.

אט דאס איז אינגאנצן דאס אידישקייט, מען זאל וויסן אז מען איז א מולך און א מלך! איך דארף מיט מיין מלכות מחדש זיין מלכותו יתברך! צוליב דעם האט דער אויבערשטער באשאפן דער וועלט, 'אין מלך בלא עם'.

❖

## קדושת שמן המשחה

רבי נתן ברענגט אין א הלכה[יב]: די ערשטע בשָׂמים וואס מען האט אריינגעטוהן אין דעם שמן המשחה איז דאך געווען 'מר דרור'; אלע זאכן האט מען געמוזט זאלבן מיט

---

[י] עיין ליקוטי הלכות הל' פדיון בכור ה"ה, אות י"ט: כִּי זֶה יָדוּעַ וּבָרוּר לְכָל מַשְׂכִּיל שֶׁאֵין שׁוּם מֶמְשָׁלָה וּמְלוּכָה אֲמִתִּית בָּעוֹלָם כִּי אִם מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, דְּהַיְנוּ כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ אֵיזֶה מַלְכוּת וּמֶמְשָׁלָה בִּשְׁבִיל לְהַגְדִּיל כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁהוּא בְּחִינַת מַלְכוּת הַקַּיֶּמֶת לָנֶצַח, בְּחִינַת כִּי לַה' הַמְּלוּכָה. אֲבָל כָּל בְּחִינַת מַלְכוּת וּמֶמְשָׁלָה וְהִתְנַשְּׂאוּת שֶׁאֵינוֹ לְשֵׁם שָׁמַיִם הַכֹּל הֶבֶל נִדָּף אֵין בּוֹ מַמָּשׁ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, וְאַנְשֵׁי הַשֵּׁם כְּלֹא הָיוּ וְכוּ'. כִּי הַיּוֹם בְּכָאן וּמָחָר בַּקֶּבֶר וְאֵין מַלְכוּתוֹ מַלְכוּת עוֹלָם וְאִם יַעֲלֶה לַשָּׁמַיִם שִׂיאוֹ וְכוּ' כְּגֶלְלוֹ לָנֶצַח יֹאבֵד וְכוּ'. וְעַל כֵּן עִקַּר הַמְּלוּכָה וְהַמֶּמְשָׁלָה הוּא כְּשֶׁזּוֹכֶה לְחַזֵּק עַצְמוֹ וְלֵידַע כִּי עֲדַיִן ה' אִתּוֹ, וְעַל יְדֵי זֶה, לֹא דַּי שֶׁמְּחַזֵּק עַצְמוֹ, אַף גַּם הוּא יָכוֹל לְעוֹרֵר וּלְחַזֵּק לֵב אֲחֵרִים לְהַמְשִׁיךְ הֶאָרַת הַדַּעַת הַנַּ"ל בְּבָנִים וְתַלְמִידִים רַבִּים כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ. וְזֶה עִקַּר הַמַּלְכוּת וְהַמֶּמְשָׁלָה הָאֲמִתִּית הַקַּיֶּמֶת לָעַד וְלָנֶצַח.

[יא] גמ' שבת פח.

[יב] ליקוטי הלכות הל' תענית ה"ד, אות י"ט: מָרְדְּכַי הוּא מָר דְּרוֹר - בְּשָׂמִים רֹאשׁ (שמות ל, כג), שֶׁהוּא קְדֻשַּׁת שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה שֶׁמִּמֶּנּוּ נִמְשַׁח הַמִּשְׁכָּן וְהָאָרוֹן וְכֵלָיו וְקֹדֶשׁ קָדָשִׁים. נִמְצָא, שֶׁקְּדֻשַּׁת קֹדֶשׁ קָדָשִׁים בְּעַצְמוֹ וּקְדֻשַּׁת הָאָרוֹן הַכֹּל נִמְשָׁךְ מִשֶּׁמֶן הַמִּשְׁחָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת קְדֻשַּׁת מָרְדְּכַי מָר דְּרוֹר. וְזֶהוּ בְּחִינַת גֹּדֶל כֹּחַ הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת שֶׁהֵם גְּבוֹהִים יוֹתֵר אֲפִלּוּ מִשֵּׂכֶל הַכּוֹלֵל הַנַּ"ל, שֶׁהוּא בְּחִינַת קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, בִּבְחִינַת יְקָרָה הִיא מִפְּנִינִים מִכֹּהֵן הַגָּדוֹל שֶׁנִּכְנָס לִפְנֵי וְלִפְנִים. וְצַדִּיק כָּזֶה בִּבְחִינַת מָרְדְּכַי יָכוֹל לְהַמְשִׁיךְ הַהַמְתָּקָה מִשָּׁם

דעם 'שמן המשחה'; די מנורה - עס איז עפעס א קלייניקייט די מנורה? - האט מען דאס געמוזט זאלבן מיט דעם שמן המשחה, נאר דעמאלט איז געווארן הייליג די מנורה; און אזוי ווייטער די אלע כלים פון דעם משכן, און די כהנים אליין, מיט די בגדי כהונה, אלץ האט מען געזאלבט מיט דעם שמן המשחה.

זאגט רבי נתן דארטן, דער עיקר דארטן אין דעם שמן איז געווען דער "מר דרור", דאס איז דער ריח פון דעם צדיק - 'מר' איז דאך בשמים. א מענטש אפילו ער האט דאס בעסטע, אויב ער וועט נישט האבן קיין התקשרות צו דעם צדיק, ער ווערט נישט באגאסן מיט דעם בשמים - מיט דעם צדיק, האט עס נישט קיין שום קדושה. ווען די מנורה זאל מען ווען נישט זאלבן מיט דעם שמן המשחה, איז די מנורה גארנישט.

אז איינער האט געגעבן - א קליין העקעלע האט ער געגעבן, אבער דאס העקעלע איז דאך אריינגעגאנגען אין דעם משכן, אין די יריעות, מען האט דאך די יריעות אויך געזאלבט, איז שוין דארטן דא א ריח פון שמן המשחה. אבער אָן דעם, אפילו איינער זאל געבן א כיכר זהב, די מנורה איז דאך געווען פון א כיכר זהב - א פארמעג, א כיכר זהב איז נישט קיין קלייניקייט, אבער אויב מען האט נישט געגעבן דעם כיכר זהב פאר משה רבינו - און מען האט געמאכט דער מנורה און מען האט זי געזאלבט, איז דאס גארנישט.

דאס איז א געוואלדיגער מוסר השכל, אז א מענטש טוהט עפעס א זאך, זאל ער האבן התקשרות צו דעם צדיק, דעמאלט הייסט דאס אז ער באשפריצט דאס מיט שמן המשחה, דעמאלט איז דאס בשמים, עס שמעקט, דעמאלט האט עס דעם ריח טוב.

מען קען דאס נישט רעדן, אבער אזוי איז דאס, אָן התקשרות צום צדיק - אפילו ער טוהט און טוהט, אבער דער שמן המשחה ווערט נישט געשפריצט, ווערט עס נישט נתקדש.

---

אֲפִלּוּ בְּתֹקֶף הַדִּינִים מְאֹד, כִּי הוּא בִּבְחִינַת קְדֻשַּׁת שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה שֶׁגָּבֹהַּ יוֹתֵר מִקְּדֻשַּׁת קֹדֶשׁ קֳדָשִׁים וְהָאָרוֹן, כִּי כָּל קְדֻשַּׁת קָדְשֵׁי קֳדָשִׁים וְהָאָרוֹן נִמְשָׁךְ עַל יָדוֹ וְכַנַּ"ל. וְעַל כֵּן עַל יְדֵי מָרְדְּכַי נִמְתְּקוּ כָּל הַדִּינִים.

(ר' נחמן: דער רבי ברענגט[יג]: "וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה" - מען דארף ברענגען אלעס צום צדיק!)
**יא יא - דער זוהר אין תיקונים[יד].**

**בצלאל איז געווען אזוי געוואלדיג - די תורה רעדט די גרויסקייט פון בצלאל, "רְאוּ קָרָא ה' בְּשֵׁם בְּצַלְאֵל"[טו] - עס איז א געוואלד זיין גרויסקייט, האט ער טאקע געמאכט, אבער דאס אויפשטעלן דעם משכן דאס מוז מען אנקומען צו משה'ן, "ויביאו את המשכן אל משה", זיי האבן טאקע געבראכט, אבער זיי האבן דאס נישט געקענט אויפשטעלן.**

**דאס ערשטע מאל טאקע** (בהקמת המשכן) **- ברענגט רש"י[טז] - שטייט[יז]: "הוּקַם הַמִּשְׁכָּן" - פון זיך אליין - דאס איז געווען דאס ערשטע מאל; נאכדעם האבן שוין די לויים דאס אויך אויפגעשטעלט, "יָקִימוּ אֹתוֹ הַלְוִיִּם"[יח]; אבער דאס ערשטע צונויפשטעל האט נאר געמוזט זיין משה. איז דאך די קשיא, אויב פון זיך אליין - האט דאס געקענט זיין דורך די לויים אויך? דער תירוץ איז, נישט צו יעדן איינעם האט דער אויבערשטער געטרויעט ער זאל זיין דער ערשטער אויפשטעלער - נאר משה רבינו; נאכדעם האבן שוין אנדערע אויך געקענט.**

❖

---

[יג] ליקוטי מוהר"ן סי' ב', אות ו': וְכָל תְּפִלָּה וּתְפִלָּה שֶׁכָּל אֶחָד מִתְפַּלֵּל הוּא בְּחִינַת אֵיבָר מֵהַשְּׁכִינָה, שֶׁהֵם אֶבְרֵי הַמִּשְׁכָּן, **שֶׁאֵין שׁוּם אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יָכוֹל לְאַעֲלָא שַׁיְפָא בְּשַׁיְפָא כָּל חַד לְדוּכְתֵּיהּ, אֶלָּא מֹשֶׁה בִּלְחוּד**, בִּשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר כָּל הַתְּפִלּוֹת לְצַדִּיק הַדּוֹר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת לט): "**וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה**". וְהוּא יוֹדֵעַ לְאַעֲלָא שַׁיְפָא בְּשַׁיְפָא וְלַעֲשׂוֹת אוֹתָהּ קוֹמָה שְׁלֵמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם מ): "וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן".

[יד] עיין זוהר פקודי דף רלח:

[טו] שמות לה, ל.

[טז] עה"פ שמות לט, לג. "ויביאו את המשכן אל משה".

[יז] שמות מ, יז.

[יח] במדבר א, נא.

# פיילן אָן קיין בויגן...

וואו מען גיט זיך א ריר זעהט מען אלץ ארויס די גרויסקייט פון התקשרות צום צדיק - א געוואלד, א געוואלד! מען קען נישט וויסן אין דעם עולם די גרויסקייט דערפון! מען דארף האבן אמונה דערין אליין אויך; ווייל וואס א נפקא מינה - 'דער' טוהט - און 'דער' טוהט, 'דער' דאוונט - און 'דער' דאוונט?!

דער רבי זאגט אין כמה תורות[יט], די גרויסקייט פון תפילה איז נאר דורך שמירת הברית. דער רבי רעדט אויס דארטן[כ], "אִם יִשְׁמְרוּ בָנֶיךָ בְּרִיתִי", יוסף הצדיק דערפאר האט ער צוגענומען די בכורה וואס דאס איז די עבודת התפילה, ווייל ביי אים איז געווען 'ברית'. איז וואס זאל מען טוהן? דערפאר דארף מען האבן התקשרות צום צדיק פארן דאווענען[כא].

קומט דאך אויס ממש, די תפילה מוז האבן התקשרות צום צדיק, ווייל די תפילה מוז האבן דאך דער שמירת הברית פון יוסף הצדיק - און ווער האט דאס?! דארף מען התקשרות צו דעם צדיק!

---

[יט] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ב', אות ב'; סי' י"ט; סי' נ'; תניינא סי' א', אות י'; סי' פ"ג, ועוד.

[כ] ליקוטי מוהר"ן סי' ב', אותיות א' וב': **עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה ... וְזֶה הַכְּלִי זַיִן צָרִיךְ לְקַבֵּל עַל יְדֵי בְּחִינַת יוֹסֵף, הַיְנוּ שְׁמִירַת הַבְּרִית**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים מ"ה): "חֲגוֹר חַרְבְּךָ עַל יָרֵךְ". וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים קל"ב): "מִפְּרִי בִטְנְךָ אָשִׁית לְכִסֵּא לָךְ" זֶה בְּחִינַת מָשִׁיחַ, בְּחִינַת תְּפִלָּה. **"אִם יִשְׁמְרוּ בָנֶיךָ בְּרִיתִי"**, הַיְנוּ עַל יְדֵי בְּחִינַת יוֹסֵף. **וְיוֹסֵף שֶׁשָּׁמַר אֶת הַבְּרִית, נָטַל אֶת הַבְּכוֹרָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה** בְּחִינוֹת פִּי שְׁנַיִם, כִּי הַתְּפִלָּה הוּא פִּי שְׁנַיִם. שְׁנַיִם שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם שִׁבְחוֹ שֶׁל מָקוֹם וּשְׁאֵלַת צְרָכָיו.

[כא] שם אות ו', וזל"ש בקיצור (מליקוטי עצות): **אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת לִתְפִלָּה בִּשְׁלֵמוּת כִּי אִם עַל־יְדֵי שְׁמִירַת הַבְּרִית בִּשְׁלֵמוּת, עַל כֵּן צָרִיךְ כָּל אֶחָד, לְקַשֵּׁר תְּפִלָּתוֹ לְצַדִּיקֵי הַדּוֹר הָאֲמִתִּיִּים, כִּי הֵם יוֹדְעִים לְהַעֲלוֹת כָּל תְּפִלָּה וּתְפִלָּה לַמָּקוֹם הַצָּרִיךְ לָהּ וּבוֹנִים מֵהֶם קוֹמַת הַשְּׁכִינָה, וְעַל־יְדֵי זֶה יִתְקָרֵב בִּיאַת מָשִׁיחַ.** גם עיין שיחות הר"ן אות רצ"ו: **בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה צְרִיכִין לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַצַּדִּיקִים שֶׁבַּדּוֹר** כַּמּוּבָא בְּסִימָן ב' וּבְסִימָן ט' בְּ"לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" חֵלֶק רִאשׁוֹן וּבִשְׁאָר מְקוֹמוֹת. **עַל כֵּן הִזְהִיר לַאֲנָשָׁיו שֶׁיֹּאמְרוּ קֹדֶם הַתְּפִלָּה הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי לְכָל הַצַּדִּיקִים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ.**

דער רבי רעדט דארט אין תורה פ"ג[כב] (תניינא) - מיר האבן איר געלערנט היינטיגער וואך, דער קשת איז, א בויגן מיט פיילן. רעדט דער רבי, דער בויגן דאס איז 'תיקון הברית' - דאס איז דער קשת. און די פיילן - דאס איז תפילה, תלת ווין, די 'ח"י ברכאן דצלותא' (3X6=18).

מען דארף אריינלייגן די פיילן אין דעם קשת; פיילן אָן קיין קשת - וועלן די פיילן נישט שיסן, מוז ער האבן דעם קשת, דארף מען אריינלייגן די תפילה אין דעם קשת, אין שמירת הברית. ווער האט דעם קשת? רבי שמעון בן יוחאי ער איז געווען דער קשת! דער אמת'ער צדיק ער איז דער קשת! די תפילה דארף זיך אריינלייגן אין דעם קשת, דארף מען האבן התקשרות צום צדיק! יעדער איינער אז ער לייגט אריין זיין תפילה אין דעם קשת, איז שוין דא חיצים מיט א קשת.

די גרויסקייט פון התקשרות צום צדיק איז א געוואלד, א געוואלד!

עס דארף האבן א געוואלדיגע התחדשות דער זאך, ווייל דער ענין פון התקשרות איז שוין אויך געווארן אזוי - עס רעדט זיך שוין אליין... די גמרא זאגט דארטן[כג], דער קאפ בויגט זיך שוין ביי מודים פון זיך אליין...

וואס איז התקשרות? וואס איז דאס אז איך גיי דאווענען בין איך זיך מקשר?! דער שלימות איז, איך זאל מקשר זיין דער תפילה צו דעם צדיק וואס ער איז דער 'קשת הברית', 'שמירת הברית', די תפילה האט נישט קיין שום שלימות אָן אים, מען דארף אנקומען צו אים.

דאס התקשרות דארף אויך האבן א התחדשות, דאס התקשרות איז נישט קיין קלייניקייט! דאס וואס מען הענגט אויף אויף דער וואנט "הריני מקשר" איז נאך נישט קיין זאך... נאר זיך מקשר זיין מיטן צדיק מיט א התחדשות.

---

[כב] וזל"ש: **עַל יְדֵי תִּקּוּן הַבְּרִית שֶׁהוּא קֶשֶׁת, יָכוֹל לְהוֹצִיא הַחִצִּים, שֶׁהִיא הַתְּפִלָּה, שֶׁהוּא חַי בִּרְכָן דִּצְלוֹתָא שֶׁהֵם תְּלָת וָוין, בְּחִינַת חִצִּים, וּמְקוֹמָם בַּבְּרִית**, בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים פ"ט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ". אֱמוּנָה זֶה בְּחִינַת תְּפִלָּה, בִּבְחִינַת (שְׁמוֹת י"ז): "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה".

[כג] ירושלמי ברכות פ"ב, ה'ד.

בכלל, דאס התקשרות צום רבי'ן דארף האבן א געוואלדיגע התחדשות. ווייל אומעטום (אין דער וועלט) דארטן, וואספארא רבי ער האט - פארט ער צום רבי'ן - 'דער רבי זאגט', 'דער רבי גייט', 'שלום עליכם' - א גאנץ געשעפט - מיר האבן דאס נישט; וואס איז ביי אונז? מיר האבן נאר דאס התקרבות און התקשרות צום צדיק, די עצות פון דעם רבי'ן.

דאס התקרבות צום רבי'ן מוז האבן התחדשות, אויב דאס האט נישט קיין התחדשות ווערט עס דאך ממש אלט געבאקן.

וואס איז אונזער התקרבות? נאר התחדשות! איבער א נייעס, איבער א נייעס, רעדן פון דעם רבי'נס עצות, קוקן אין ליקוטי מוהר"ן, בעטן דעם אויבערשטן - דאס מוז האבן התחדשות![כד]

דער רבי האט פיינט געהאט אלט![כה] אז עס ווערט נישט ניי ביי אונז, האבן מיר דאך גארנישט, מיר האבן דאך נאר התחדשות! באנייען זיך אין דער זאך![כו]

## "מכשירי מצוה כמצוה דמי"

אז דער אויבערשטער העלפט דארטן, מען לייגט זיך שלאפן ביינאכט, זאל מען פריער בעטן דעם אויבערשטן צו אויפשטיין אין דעם עת רצון. דאס אליין וואס מען

---

[כד] עיין ליקוטי הלכות הל' נזיקין ה"ה, או מ"ה: מְבֹאָר בְּמִדְרַשׁ תַּנְחוּמָא פָּרָשַׁת בְּהַעֲלֹתְךָ שֶׁהַצַּדִּיקִים נִקְרָאִים בַּעֲלֵי אֲסֻפּוֹת. מֵחֲמַת שֶׁעִקַּר יְגִיעָתָם בַּתּוֹרָה הוּא אַחַר שֶׁנֶּאֱסַף הַצַּדִּיק. כִּי בְּחַיָּיו הָיָה יָכֹל לִשְׁאֹל אוֹתוֹ כָּל סְפֵקוֹתָיו **אֲבָל עַתָּה מִמִּי יִשְׁאַל וְצָרִיךְ לְהִתְיַגֵּעַ בְּעַצְמוֹ לְהָבִין עַמְקוּת תּוֹרָתוֹ הַקְּדֻשָּׁה שֶׁל רַבּוֹ ... דְּהַיְנוּ לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּת הַצַּדִּיק שֶׁאָז צְרִיכִין הַתַּלְמִידִים וְהַנִּלְוִים אֲלֵיהֶם לְהִתְחַזֵּק בְּיוֹתֵר בְּלִמּוּד וְעִיּוּן הֵיטֵב בְּתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה.**

[כה] עיין שיחות הר"ן אות נ"א.

[כו] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ס"ב: **בְּכָל פַּעַם וּפַעַם שֶׁנּוֹסֵעַ לְהַצַּדִּיק, צָרִיךְ שֶׁיִּרְאֶה שֶׁיָּבוֹא בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ. לֹא כְּמוֹ שֶׁכְּבָר הָיָה אֵצֶל הַצַּדִּיק, וְעַכְשָׁו הוּא בָּא פַּעַם שֵׁנִית, רַק כְּמוֹ שֶׁלֹּא הָיָה מֵעוֹלָם אֵצֶל הַצַּדִּיק, וְיִהְיֶה אֶצְלוֹ כְּמוֹ שֶׁבָּא עַכְשָׁו מֵחָדָשׁ פַּעַם רִאשׁוֹן** ... וּכְפִי הַכֹּחַ וְהַהִתְלַהֲבוּת שֶׁל הַהַתְחָלָה, כֵּן הוֹלֵךְ וּמִתְנַהֵג בַּעֲבוֹדָתוֹ, כִּי עִקַּר הִיא הַהַתְחָלָה כַּנַּ"ל. **עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ, כִּי פֶּן וְאוּלַי לֹא הָיְתָה הַתְחָלָתוֹ כָּרָאוּי, וְאִם כֵּן גַּם כָּל עֲבוֹדָתוֹ אֵינָהּ בִּשְׁלֵמוּת כָּרָאוּי, כִּי הַכֹּל מִתְנַהֵג כְּפִי הַהַתְחָלָה,** וכו' עיין שם.

בעט דעם אויבערשטן פון פריער אויף דעם, דערמיט האב איך פריער אינזין אז עס איז דא אַן עת רצון.

רבי נתן רעדט אין דער הלכה דארטן אין ברכת השחר[כז], עס איז דא כ"ד שעות יעדן טאג, און עס איז דא כ"ד בתי דינים, און דער אויבערשטער האט געמאכט אז אלע טאג איז דא צוויי שעה וואס דאס איז אַן עת רצון, און דאס איז א פדיון וואס איז ממתיק די כ"ד בתי דינים, איז דאך דאס א גאנצער ענין. קומט דאך אויס, יעדן טאג מוז מען מאכן דעם פדיון - אז נישט איז דאך עס א טאג פון דינים. דארף מען מאכן דעם פדיון.

אז א מענטש בעט דעם אויבערשטן פריער, ער זעהט דארטן אז ער זאל נישט פארברענגען דער צייט, ער גיט אכטונג - מען קען דאך אפזיצן א צוויי שעה און פלאפלען - רעדן און שוין - ניין! - מען דארף האבן דעם געדאנק, איך דארף זיך לייגן פרי, איך דארף דאך אויפשטיין.

די הכנה אליין - - עס איז א מחלוקת דארטן אין די פוסקים צו די הכנה פון דער מצוה איז כמצוה[כח]; עס איז א געוואלדיגע גרויסע זאך די הכנה למצוה. א טייל זאגן, די הכנה למצוה איז 'כמצוה' - דאס זיך צוגרייטן צו דער מצוה איז אזוי ווי דער מצוה אליין. וואס איז דאס 'זיך צוגרייטן'? אז איך האב עס אינזין פריער, איך ווייס אז מען דארף דאס, ממילא זעה איך, איך היט די צייט.

די וועלט זאגט דאך א ווערטל: "**זיך לייגן פרי, איז שוין האלב אויפגעשטאנען!**". און די אנדערע האלבע - דארף מען טאקע אויפשטיין. אבער זיך לייגן פרי איז שוין האלב אויפגעשטאנען.

א מענטש אז ער רעדט און פלאפלט, דאס אליין אז די צייט איז ביי אים וואלוול (-ביליג) פארן שלאף, דאס איז אויך ווייל דאס אויפשטיין האט נישט ביי אים קיין חשיבות, ווען יא וואלט די צייט נישט געווען אזוי פיל ביי דיר וואלוול, דו וואלסט זיך צוגעאיילט.

---

[כז] ה"ה, עיין שם אותיות נ"ט, ס"ו.

[כח] עיין גמ' יומא דף מ"ח ע"ב: בעי רב פפא ... **מכשירי מצוה כמצוה דמי, או לא**, תיקו.

אז דו וועסט זיך לייגן שלאפן פריער מיט א האלבע שעה, וועסטו זיך קענען אפרוהען און זיין מער אויסגערוהט.

דאס איז אויך דאס אייגענע; מען זעהט ארויס דערפון, די זאך איז ביי אים חשוב, ער האט א התחדשות.

דאס אייגענע ביים דאווענען אויך, אז א מענטש גייט דאווענען, קוים ער כאפט די הויזן - און ער דאוונט שוין... תפילה! שטיי אויף פריער, גרייט זיך צו פריער, בעט דעם אויבערשטן פריער, זיך צוגרייטן צו דער זאך.

מען זעהט דאך, מען זאגט טאקע 'לשם יחוד' פאר א מצוה, ווייל דאס התקשרות פאר דער מצוה, דאס איז די התחדשות וואס עס איז דעם אויבערשטן זייער חביב און זייער חשוב - 'איך זעה אז דער מענטש האט א התקשרות צו מיר!'[כט].

## געשטארבענע טעג...

עס ווערט טאקע געבראכט אזוי[ל]: מען וועט פרעגן דעם מענטש 'קבעת עיתים לתורה?!'[לא]; פארוואס ווען מען אים נישט פרעגן 'למדתָּ תורה'? ווייל די קביעות איז אַן אנדער חשיבות![לב]

---

[כט] עיין ליקוטי הלכות ברכת המזון ה"ד, אותיות כ' כ"א.

[ל] עיין ליקוטי הלכות הל' בציעת הפת ה"ה, אות י"ג: וְזֶהוּ בְּחִינַת קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה. **'קָבַעְתָּ' דַּיְקָא** שֶׁיִּהְיֶה עֵסֶק הַתּוֹרָה בִּקְבִיעוּת גָּדוֹל. אֲפִלּוּ מִי שֶׁאֵינוֹ עוֹסֵק בַּתּוֹרָה כָּל הַיּוֹם כִּי אִם אֵיזֶה עִתִּים וְשָׁעוֹת, עַל כָּל פָּנִים צָרִיךְ לִזָּהֵר שֶׁיִּהְיוּ אֵלּוּ הָעִתִּים וְהַשָּׁעוֹת בִּקְבִיעוּת גָּדוֹל בְּכָל יוֹם חֹק וְלֹא יַעֲבֹר. כְּדֵי שֶׁיִּבְרַח בְּכָל פַּעַם לִמְקוֹר מַיִם חַיִּים הַמְטַהֲרִים מִכָּל הַטֻּמְאוֹת וְהַבְּגָדִים הַצּוֹאִים וְכַנַּ"ל.

[לא] גמ' שבת לא.

[לב] עיין תורת הבית (למרן החפץ חיים) בחתימת הספר במכתב שכתב לאחד: וכמו שאדם רגיל לסעוד בכל יום, עכ"פ פעם אחד, כן נמי צריך להיות לו קבע לתורה בכל יום, וכמו שאמרו חז"ל, **ששואלין לו לאדם בשעת הדין, קבעת עתים לתורה**. וכמו במזון הגוף, אם יזדמן לפעמים שלא אכל כל היום, כגון מפני התענית וכדומה, אז עכ"פ תיכף משנעשה לילה, הוא משליך מעליו כל טרדותיו, ומזרז עצמו לסעודת לילה, כדי שלא יחלשו כחותיו. כן נמי בענין הנפש, אם אירע לפעמים שהיה טרוד גדול, ולא היה יכול

**א מענטש קען לערנען איין טאג צען שעה - און מארגן וועט ער שוין גארנישט לערנען - 'איך וועל מארגן אפלערנען פאר היינט, וועל איך האבן פאר דריי טעג' - אט דאס האט נישט ביים אויבערשטן קיין חשיבות. ווייל פארוואס האסטו א קביעות אויף יעדער זאך, דו האסט א קביעות אויף שלאפן, דו האסט א קביעות אויף עסן?!**

**א מענטש, איין נאכט אז ער שלאפט נישט - א שבועות, קען ער זיך נישט אויסשלאפן, אזוי אויך אז ער פאסט אפ א טאג, ווייל דער גוף איז אזוי מורגל אין דער זאך, דער גוף איז מורגל אין שלאף אז עס פעלט אים דער שלאף, דער גוף איז מורגל אין עסן אז אויב ער עסט איין טאג נישט - פעלט עס אים.**

**די קדושת אכילה פון נאך א תענית איז דאך א גרויסע זאך! פארוואס? ווייל עס איז ארויס פון דעם גדר** (- הרגל)**!**[לג]

**פארוואס האסטו נישט קיין קביעות אין תורה? פארוואס איז דאס ערגער פון אנדערע זאכן?! א קביעות!**

**דער רבי זאגט אין דער תורה פון יום כיפור**[לד]**, "עס איז דא 'ימים פגרים מתים' - געשטארבענע טעג!".**

**"טעג אָן תורה - אָן קיין קביעות אין תורה, איז געשטארבענע טעג!" עס איז 'ימים מתים', אָן קיין חיות!**

---

ללמוד ביום, אז יראה להשלים את לימודו, תיכף בלילה, וכענין שאמרו בגמרא על רב אחא בר יעקב, יזיף בימָמא ופרע בליליא, ומוכח מלשון הזה שהיה עליו כמו חוב ממש.

[לג] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג, אות ת"י: רביה"ק אמר: **"דער עיקר איז ווי אזוי דאס אפפאסטן!"**. היינו שעיקר מעלת התענית היא בסיומה, כיצד שמסיימין אותה, דהיינו לאכול בנחת ובמתינות ולא בהלעטה וכדו'.

[לד] ליקוטי מוהר"ן סי' קע"ט: **כָּל יוֹם וָיוֹם נִמְשָׁךְ עָלָיו שֶׁפַע מִלְמַעְלָה**, וּכְשֶׁעוֹשֶׂה בְּזֶה הַיּוֹם מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אֲזַי מְחַיֶּה הַיּוֹם וּמַמְשִׁיךְ לוֹ חִיּוּת וְשֶׁפַע רַב מִלְמַעְלָה, אַף אִם, חַס וְשָׁלוֹם, אִם אֵינוֹ עוֹשֶׂה בּוֹ מִצְווֹת, אֲזַי אֵינוֹ יוֹרֵד עָלָיו שֶׁפַע מִלְמַעְלָה כִּי אִם בְּצִמְצוּם גָּדוֹל מְאֹד רַק כְּדֵי חִיּוּנוֹ בְּצִמְצוּם, וּכְשֶׁהוּא נוֹטֵל זֶה הַיּוֹם וְעוֹשֶׂה בּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, רַע, אֲזַי מוֹרִיד וּמֵינִיק וּמוֹצִיץ הַשֶּׁפַע הַמְּעַט שֶׁיֵּשׁ בְּזֶה הַיּוֹם, עַד שֶׁמּוֹצֵץ גַּם עֶצֶם הַחִיּוּת שֶׁיֵּשׁ לְהַיּוֹם בְּעַצְמוֹ, מִלְּבַד הַשֶּׁפַע הַבָּא מִלְמַעְלָה דְּבַר יוֹם בְּיוֹמוֹ, כִּי כָּל יוֹם הוּא בְּרִיאָה, וְיֵשׁ לוֹ חִיּוּת עַצְמוֹ מִלְּבַד הַשֶּׁפַע, וְהוּא מוֹצֵץ גַּם חִיּוּתוֹ הָעַצְמִי שֶׁל הַיּוֹם, **עַד שֶׁנִּשְׁאֲרוּ הַיָּמִים הַלָּלוּ פְּגָרִים מֵתִים**, כְּמוֹ מְשַׁל הַתִּינוֹק הַיּוֹנֵק מִשְּׁדֵי אִמּוֹ, כָּל זְמַן שֶׁיֵּשׁ לָהּ חָלָב יוֹנֵק הֶחָלָב, וּכְשֶׁנִּפְסָק הֶחָלָב מוֹצֵץ דָּמָהּ וְחִיּוּתָהּ מַמָּשׁ.

**ביים רבי'ן גייט דאך - תורה מיט תפילה!**[לה]

**דער רבי זאגט דארט, יעדער טאג האט א שפע מלמעלה; אז א מענטש טוהט עפעס אין אידישקייט, איז ער ממשיך נאך מער שפע אויפן טאג.**

**קומט אויס, א טאג - א דאנערשטאג, ליגט אין דעם טאג א שפע מלמעלה, און אז דער מענטש טוהט עפעס אין אידישקייט, איז ער ממשיך נאך מער שפע אויף דעם טאג; אז עס גייט אוועק דער טאג, דער טאג איז שוין אויבן, וויפיל עס איז דארטן אריינגעגעבן אין דעם טאג, שפע פון תורה ותפילה צדקה ומעשים טובים, ליגט דאס אין דעם טאג; און אז דער טאג וועט קומען לעתיד פאר אים, וועט מען זעהן וואספארא טאג דאס איז, "בָּא בַּיָּמִים" - ער קומט מיט אלע טעג!**[לו] **יעדער טאג קומט צוגיין, מיט וואס ער האט געטוהן אין דעם טאג; און אז חלילה פארקערט, איז אויך דארטן דא, סיידן אז ער האט געטוהן תשובה.**

**רעדט מען דאס אלץ, דאס דארף האבן התחדשות, דער טאג זאל זיין ביי מיר א טאג, די נאכט זאל זיין ביי מיר א נאכט, דאס לייגן זיך, דאס אויפשטיין, עס מוז האבן א התחדשות! דער רבי האט דאס ליב געהאט! ביים רבי'ן איז געווען התחדשות!**[לז]

**אז ער שטייט אויף - אבער ער איז אלט, איז גוט - אבער עס האט נישט 'דאס' חשיבות ביים אויבערשטן; אז ער איז נישט מיט קיין התחדשות אין יעדער זאך, האט דאס אויבן נישט 'דאס' חשיבות!**

**די נאטור פון א מענטשן איז - אין יעדער זאך האט ער א התחדשות, א חיות מיט א חשק - דאס עסן איז מיט א חשק** (וכדו') **- 'פארוואס איז נישטא 'דא' קיין התחדשות?!'.**

---

[לה] עיין שיחות הר"ן רפ"ז.

[לו] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' פ"ד: **וּלְכָךְ נֶאֱמַר בְּאַבְרָהָם** (בְּרֵאשִׁית כ"ד): **"וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים", הַיְנוּ שֶׁהָיוּ כָּל הַיָּמִים שֶׁלּוֹ שְׁלֵמִים וּגְדוֹלִים.** גם עיין שם סי' ס' אות ב'.

[לז] עיין עלים לתרופה מכתב מיום ג' יתרו תר"ב: **כָּל עִנְיָנוֹ הוּא בְּחִינַת הִתְחַדְּשׁוּת.**

אט דאס איז אוודאי די גרויסקייט פון רעדן מיט חברים און אזוי אויך פון לערנען דעם רבי'נס ספרים, דאס האט א גרויסן כח זיך צו מחדש זיין און בעטן דעם אויבערשטן אויף דעם.

(השואל: א הכנה דאס איז התחדשות?) יא, אוודאי; אז די זאך איז ביי מיר ניי, גרייט איך זיך צו דער זאך.

❖

## המנין בלובלין עם המהרש"ל

דער בית יוסף האט געהאט א מגיד וואס האט מיט אים געלערנט אלע טאג. איז אין שולחן ערוך שטייט[לח], אז א מענטש קומט אריין דארט אינמיטן דאווענען, דארף ער איבערהיפערן, אנהויבן 'ויברך דוד' (וכו'), און אזוי ווייטער - ווען און ווי אזוי ער זאל דאווענען ווינציגער, איז עס דאך אַן הלכה.

האט דער מגיד אבער געזאגט צום בית יוסף[לט]: "דו זאלסט זעהן אז דו זאלסט זיך משתדל זיין נישט צו קומען דערצו – דו זאלסט נישט מהפך זיין די צינורות!".

כאטש די הלכה איז דאך א הלכה, אויב מען קומט אריין שפעט איז ער מחוייב צו דאווענען בציבור, (מוז ער דאך מדלג זיין) - האט אים דער מגיד אבער געזאגט, 'דו זאלסט זעהן דו זאלסט נישט דארפן אנקומען דערצו חס ושלום צו מהפך זיין די צינורות'.

אמאל איז דאך נישט געווען אזוי ווי היינט, אמאל איז געווען איין מנין אין שטאט. זיי דערציילן דארטן, די שול אין לובלין - דעם מהרש"ל'ס שול, איז אזוי גרויס געווען ווי א גאס! צען טויזנט מענטשן גייען אריין אין אזא שול - עס איז געווען א געוואלד!

---

[לח] או"ח סי' נ"ב.

[לט] עיין מגיד מישרים פר' בשלח; ופר' אמור, וזל"ש: **ותקרא כל התפלה מראשה ועד סופה כסדר לא יחסר אפי' תיבה א' דהא כולה מיוסדת ע"ד הסוד. ולא כאותם השוטים שמדלגים התפלה בסיבת שינתם הרעה על משכבותם, אוי להם שמקלקלים הצנורות, וכמה כמה רעות גורמין להם ולכל העולם סיבת מניעת השפע לעולם הזה בהיותם מקדימים המאוחר ומאחרים המוקדם. לכן תהיה תמיד משכים לבית הכנסת ולהיות מעשרה ראשונים.**

איז געוועז נאר איין מנין אין לובלין.

אז דער מהרש"ל האט געגעבן א קוק אריין מיט די טלית ותפילין, האט מען זיך שוין געשטעלט דאווענען, האבן געדאווענט צען טויזנט אידן!...

איי, וואספארא דאווענען דעמאלט איז געווען!...

אויב ער שפעטיגט - ער דארף דאך דאווענען בציבור, מוז ער דאך איבערהיפערן, ווייל אז ער וועט וועלן דאווענען גלייך אז ער זאל נישט מהפך זיין די צינורות, האט ער דאך נישט קיין תפילה בציבור, און נאך א מנין איז נישט געווען, נאר איין מנין. היינט איז גרינגער, ער קען מאכן נאך א מנין - עס זאל נאר נישט זיין נאכן זמן.

איז דער פשט אזוי, ער האט אים געהייסן, 'זעה, קום וואס פריער אז דו זאלסט נישט דארפן מהפך זיין די צינורות'. ווארום מהפך זיין די צינורות איז נישט קיין זאך, עס איז דאך אויסגעשטעלט דארטן די ארבע עולמות, 'עשיה יצירה בריאה אצילות'. איז כאטש די הלכה איז אז אויב איך קום שפעט מוז איך זעהן מיט אלע מיני זאכן איך זאל דאווענען בציבור, אבער זעה דו זאלסט נישט קומען דערצו אז דו זאלסט דארפן מהפך זיין די צינורות.

אזוי איז אין יעדער זאך, א מענטש דארף זעהן אז ער טוהט א זאך, זאל עס זיין פון דעם אנהויב ביזן סוף, עס זאל נישט פעלן, עס זאל זיין גאנץ.

❖

## "דער בעל שם'ס אַן אייניקל זאל נישט זאגן 'איזהו'?!"

(ר' נחמן בורשטיין: עס איז דא עפעס אווארט - דער רבי האט מקפיד געווען אז מען זאל דאווענען כסדר?) האט מען גערעדט דערפון, דער רבי האט טאקע מקפיד געווען מען זאל דאווענען כסדר, אבער וואס איז די עצה? אזוי ווי מיר רעדן דא, מען דארף דאך האלטן דעם שולחן ערוך, אין שלחן ערוך גייט דאך א סדר ווען מען קומט שפעט - וואס יא - וואס נישט - א גאנצן סדר גיט ער דאך. אויב איך וועל נישט פאלגן דעם שולחן ערוך וועל איך דאך נישט האבן קיין תפילה בציבור.

דער רבי האט מקפיד געווען מען זאל דאווענען כסדר, דארף מען טאקע זעהן זיך צואיילן, נישט איך זאל קומען שפעט און איך זאל דארפן פארהיפערן.

(ר' נחמן: זיי זאגן עפעס א שיחה, דער רבי האט אמאל געזעהן דעם ברודער ר' יחיאל ווי ער זאגט דעם "איזהו מקומן" נאכן דאווענען. האט דער רבי זיך אנגערופן: "דער בעל שם'ס אַן אייניקל זאל זאגן 'איזהו מקומן' נאכן דאווענען?!"; דאס איז א ריכטיגע שיחה?) מען זאגט אזוי, עס איז פאסיג[מ]; וואס איז די כוונה? זעה אז דו זאלסט נישט דארפן קומען דערצו[מא].

למשל, אז ער קומט אריין און ער קען נאך דאווענען תפילה בציבור - אוודאי איז ער מחויב - און דעם 'איזהו' וועט ער זאגן נאכן דאווענען; אבער פארוואס זאגסטו דעם 'איזהו' נאכן דאווענען? ווייל דו האסט געשפעטיגט - זעה דו זאלסט נישט שפעטיגן, זעה דו זאלסט נישט שפעטיגן!

❖

## "וְלֹא בָזָה אֶת תְּפִלָּתָם"

עס שטייט[מב], ה'ודו ל'ה' ק'ראו ב'שמו איז דער ראשי תיבות "בקהל"; דער גאנצער קהל צוזאמען זאל אנהויבן 'הודו', נישט - מען כאפט זיך מיט...

[מ] ובשיחה אחרת - אלול תשמ"א מספר רלוי"צ בגירסה שונה קצת: מען דערציילט מיט דעם רבי'נס ברודער יחיאל, ער האט דערציילט פארן רבי'ן אז ער האט פארגעסן צו זאגן 'איזהו', האט אים דער רבי געזאגט: **"א בעל שם'ס אייניקל זאל פארגעסן צו זאגן איזהו?!"**. ער אליין האט דאס גערעדט פארן רבי'ן אז ער האט פארגעסן צו זאגן 'איזהו' עפעס א טאג. האט אים דער רבי געזאגט: "דעם בעל שם'ס אייניקל זאל פארגעסן צו זאגן 'איזהו'?!"; עס שטייט נישט געדרוקט, אבער דער דיבור איז א דיבור! עס מאכט זיך מען אײלט זיך צו וואס, האט ער פארגעסן צו זאגן 'איזהו'. ער איז דאך געווען דעם רבי'נס א ברודער, ער האט דאך שוין געוואוסט פון דעם רבי'ן, האט ער דערציילט.

[מא] עיין ליקוטי הלכות הל' שלוחין ה"ד, אות י': **וְזֶה בְּחִינַת 'אֵיזֶהוּ מְקוֹמָן שֶׁל זְבָחִים' שֶׁאוֹמְרִים קֹדֶם הַתְּפִלָּה**, כְּדֵי לְקַשֵּׁר וּלְהַעֲלוֹת עַל יְדֵי זֶה כָּל הַמְּקוֹמוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, לְכָלְלָם בִּמְקוֹם הַבֵּית הַמִּקְדָּשׁ שֶׁשָּׁם מְקוֹמָן שֶׁל כָּל הַקָּרְבָּנוֹת, וְדֶרֶךְ שָׁם עוֹלִין לְבֵית קֹדֶשׁ קָדָשִׁים וְשָׁם עוֹלִין וְנִכְלָלִין בִּבְחִינַת מְקוֹמוֹ שֶׁל עוֹלָם כַּנַּ"ל, שֶׁעַל יְדֵי זֶה עִקַּר הַמְתָּקַת הַדִּינִים.

[מב] עי' ספר "פאר מלכות": כתב הגאון יחיא צאלח זלה"ה בספר "עץ חיים" (ראב"ד בכל גלילות ארץ תימן) בשם מהר"י צאיח, וז"ל: הוד"ו בגימ' אהי"ה, **ה'ודו ל'ה' ק'ראו ב'שמו - ר"ת בקה"ל**, חייבים אנו להזכיר

תפילה בציבור דארף מען אנהויבן דאווענען מילה במילה פון אנהויב דאווענען.

(השואל: אז איינער קומט אין דער צייט נאר ער דאוונט לאנגזאם, ער קען נישט מיטהאלטן מיטן ציבור?)
דארף ער אנהויבן דאווענען פריער, ער זאל דאווענען פריער אזוי פיל וויפיל ער ווייסט אז די שמונה עשרה זאל קענען זיין גלייך מיטן ציבור. ביי שמונה עשרה קען ער שוין שטיין לענגער - אבי ער הויבט אָן שמונה עשרה מיטן עולם, הייסט עס תפילה בציבור.

ער דארף זיך אויסשטעלן זיין דאווענען; אז ער ווייסט אז ער דאוונט זייער לאנגזאם 'מילה במילה', למשל, אז עס דארף ביי אים געדויערן א שעה פון 'הודו ביז שמונה עשרה', דארף ער אנהויבן א האלבע שעה פריער! די אלע זאכן וואס ער האט קען נישט טשעפען דעם שולחן ערוך - דעם שלחן ערוך קען מען נישט טשעפען.

דער רבי האט געזאגט: "דו קענסט קנייטשן מיין ספר - נאר נישט טשעפען דעם שולחן ערוך!". איז פשט אזוי, אלע עבודות וואס איך הייס טוהן, זאלט איר נאר זעהן עס זאל נישט טשעפען דעם שולחן ערוך - דאס נישט!

קומט דאך אויס, א מענטש איז מחוייב צו דאווענען בציבור. איי דו דאוונסט לאנגזאם, הויב אָן פריער מיט א האלבע שעה.

אז מען דאוונט ביחידות, שטייט אין זוהר הקדוש[מג], איז מען מקטרג למעלה - 'ער שטעלט אויף זיך? ער דאוונט אליין? דו ביסט שוין זיכער אז דיין תפילה קען?!'.

דער זוהר איז פון רבי אבא; עס שטייט[מד]: "פָּנָה אֶל תְּפִלַּת הָעַרְעָר, וְלֹא בָזָה אֶת תְּפִלָּתָם". פרעגט ער די קשיא, "פנה אל תפילת הערער" - איז דאך איינער - א יחיד, איז וואס איז דער "תפילתם"? - 'ולא בזה את תפילתו' (- וואלט געדארפט שטיין)? זאגט רבי אבא אזוי, אויב עס איז א 'תפילת הערער', דאס הייסט - איינער, איז דער

שמו בקדיש וברכו ובכל מיני קדושות עכ"ל. כלומר שכל אלו הדברים צריכים להיות בקהל דהיינו במנין עשרה אנשים גדולים, עיי"ש.

[מג] עיין זוהר ויחי דף רלד.

[מד] תהלים קב, יח.

אויבערשטער 'פנה', ער קערט זיך, ער גיט אכטונג צו עס איז כראוי, אבער אויב איז עס תפילתם, איז 'לא בזה', פארשעמט ער דאס נישט!

די גרויסקייט פון תפילה בציבור איז געוואלדיג גרויס![מה]

רבי נתן ברענגט טאקע אין ליקוטי הלכות[מו] אויף דער מעשה פון דעם בעל תפילה, די צען מענטשן - דאס איז קעגן תפילה בציבור.

❖

## א הייסער פרישער קניש...

יעדעס דיבור פון דעם רבי'ן דארף זיין ביי אונז זייער חשוב, און דאס עיקר חשיבות פון דעם דיבור איז, אז דער דיבור איז באנייט!

מען זעהט דאך ארויס; די היינטיגע וואך איז פרשת פקודי, מען גייט דאס נאכאמאל ליינען דעם שבת און מאכן א ברכה 'בשם ומלכות'; זעהט מען דאך אז די תורה הקדושה, די אייגענע תורה, די אייגענע פקודי, מען ווייסט דאך שוין וואס דארטן שטייט, מען קען עס שוין אויסעווייניג - קען מען מאכן א ברכה 'בשם ומלכות'[מז] (אזוי ווי דאס ערשטע מאל) - אזוי דארף זיין ביי יעדער זאך.

---

[מה] עיין מאור ושמש פר' ואתחנן, ד"ה "ובקשתם משם", ושם בא"ד: **העיקר הוא להתפלל עם הציבור דווקא, הגם שמתפללים במהירות או באריכות מחוייב לדחוק את עצמו להתפלל דווקא בציבור ולא ביחידות ואז יוכל לבוא לידי מדריגות גדולות.** גם עיין גם שם ברמזי חנוכה, וזל"ש: והענין הוא כי רבים וכן שלימים בדעת וביראת ה' עושים עצות לעבודה שבלב זו תפילה, **ויש רבים מהם שמתפללים בינם לבין עצמם כדי לכוון היטב, אבל האמת הוא שלא להפריש עצמו מהציבור**, וכו' עיי"ש.

[מו] הל' תפילה ה"ד, אות א'.

[מז] עיין ליקוטי הלכות קריאת התורה ה"ו, אות י"ח: **וּבִשְׁבִיל זֶה תִּקְנוּ לָנוּ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ וְהַנְּבִיאִים לִקְרוֹת בַּתּוֹרָה בְּצִבּוּר כְּדֵי לְהַזְכִּיר אוֹתָנוּ בְּכָל פַּעַם מַתַּן תּוֹרָה, כְּדֵי שֶׁנִּזְכֶּה לְקַבֵּל עָלֵינוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה בְּכָל יוֹם מֵחָדָשׁ** כַּנַּ"ל. גם עיין שם הל' שאלה ה"א: כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יֵשׁ לוֹ חֵלֶק בַּתּוֹרָה וְכָל אֶחָד כְּפִי חֶלְקוֹ שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּהַתּוֹרָה כְּמוֹ כֵן הוּא צָרִיךְ לְהִשְׁתַּדֵּל בְּכָל עֵת לְהַמְשִׁיךְ תּוֹרָה בְּכָל פַּעַם, **כִּי אָנוּ צְרִיכִין לְהַמְשִׁיךְ אֶת הַתּוֹרָה וּלְקַבְּלָהּ בְּכָל פַּעַם בְּכָל דּוֹר וָדוֹר וּבְכָל זְמַן וּבְכָל אָדָם וּכְמוֹ שֶׁאָנוּ מְבָרְכִין נוֹתֵן הַתּוֹרָה לְשׁוֹן הוֹוֶה**

וואס מען טוהט עפעס א זאך, איז ביים אויבערשטן זייער חשוב אז עס איז נישט קיין "מִצְוַת אֲנָשִׁים מְלֻמָּדָה"[מח] - נאר עס איז מיט התחדשות.

התחדשות איז נאר אז מען רעדט צום אויבערשטן פריער; אז מען בעט דעם אויבערשטן אויף דער זאך דעמאלט באנייט מען זיך אין דער זאך.

'פארוואס איז יעדע זאך ביי מיר נײַ און דאס רוחניות איז ביי מיר נישט פריש?!'.

רבי נתן האט זייער געלויבט זיין שווער וואספארא געוואלדיגער מענטש ער איז געווען; דער מענטש האט זיך פערציג יאר נישט געלייגט שלאפן (במיטה) - נאר אזוי (זיך אנגעשפארט אויפן טיש). און ער האט זיך א גאנצע וואך נישט געוואשן צום עסן מחומרות 'נטילת ידים' - א הייליגער מענטש געווען - א געוואלד, א קדוש! וואס האט געקענט משה רבינו זיין גרעסער?! - געוואלדיגע לשונות איז דא[מט].

פונדעסטוועגן האט רבי נתן געזאגט, 'ווען איך בין געווארן מקורב צו חסידים (האב איך פארשטאנען) וואס איז דער חילוק פון מיין שווער ביז אזוי א צדיק!'. ער האט געגעבן א משל דארטן - אזוי ווי א קניש; מען נעמט מעהל מיט ראזשינקעס, צוקער מיט פעטקייט, און מען מאכט א מאכל. אז עס איז פריש - שמעקט עס, אבער אז עס איז קאלט - אפילו עס איז דא דארטן די אייגענע מינים, אבער...

האט ער געזאגט אויף זיין שווער, דאס איז נישט ווארעם, עס איז נישט פריש; ביי חסידים איז עס יא פריש![נ]

---

וְלֹא נָתַן לְשׁוֹן עָבָר וְכַמּוּבָא בַּסְּפָרִים. כִּי בְּכָל יוֹם ה' יִתְבָּרַךְ נוֹתֵן לָנוּ אֶת הַתּוֹרָה וְכָל אֶחָד כְּפִי מַעֲשָׂיו זוֹכֶה לְקַבְּלָהּ בְּכָל עֵת.

[מח] ישעי' כט, יג.

[מט] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אות י'.

[נ] עיין ליקוטי הלכות הל' יין נסך ה"ג אות א': מִי שֶׁעוֹשֶׂה מִצְוָה בְּלִי שׁוּם חַיּוּת וְהִתְלַהֲבוּת הַלֵּב אֵין זֶה שְׁלֵמוּת הָעֲבוֹדָה, כִּי הוּא רַק כְּמוֹ מִצְוַת אֲנָשִׁים מְלֻמָּדָה, וְעִקַּר שְׁלֵמוּת הָעֲבוֹדָה הוּא, שֶׁיִּתְגַּבֵּר וְיִשְׁתַּדֵּל שֶׁיַּעֲשֶׂה כָּל הַמִּצְווֹת בַּחֲמִימוּת וְהִתְלַהֲבוּת הַלֵּב. גם עיין שם הל' מתנה ה"ד אות י"ד: כָּל מִי שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ מִנְקֻדַּת הָאֱמֶת הַנַּ"ל אֲפִלּוּ מִי שֶׁהוּא אִישׁ כָּשֵׁר וְעוֹבֵד ה' יִתְבָּרַךְ וּמִתְפַּלֵּל וְעוֹסֵק בַּתּוֹרָה אֲבָל כָּל עֲבוֹדָתוֹ

זיין שווער איז געווען א צדיק פון די צדיקים, זיין שווער איז געווען א גרויסער מענטש, אבער, דאס איז פריש - און דאס איז נישט פריש.

דער רבי האט דאך געזאגט[כא]: **"איך קען אייך פירן אויף א וועג פון די גדולים!"**. מיט דעם גאנג פון דעם רבי'ן פון רעדן צום אויבערשטן דיבורים, אז מען זאל נאר אפהיטן דער זאך, קען מען ממש זיין כאחד מן הגדולים! ווייל יעדע זאך איז ביי אים ניי און פריש!

וואס איז געווען ביי די גדולים? יעדעס ווארט איז געווען ביי זיי פריש און ניי, איז ער טאקע געוואקסן, איז ער טאקע געווארן א צדיק. אז עס איז נישט פריש - עס איז גוט, אבער עס איז נישט פריש.

## איין ברכה - איין מינוט!

מען דארף בעטן דעם אויבערשטן - מען דאוונט דאך דריי מאל א טאג שמונה עשרה די אייגענע ברכות - 'זאל זיין ביי מיר ניי יעדע ברכה!'.

געוואלד! די ערשטע ברכה בעט מען דעם אויבערשטן אויף 'דעת', דארף דאך עס האבן עפעס א ישוב הדעת, 'רבונו של עולם, גיב מיר 'דעת' - "חונן הדעת", אויב איך האב נישט קיין דעת, האב איך דאך גארנישט!'.

מען דערציילט טאקע, דער בעל התניא האט געזאגט: **"א שמונה עשרה זאל געדויערן כאטש אכצן מינוט; 'א ברכה - כאטש א מינוט!"**.

מען גיט נישט אויף א ברכה קיין מינוט?!

---

**הוּא בִּקְרִירוּת בְּלִי שׁוּם חִיּוּת וְהִתְלַהֲבוּת וַחֲמִימוּת דִּקְדֻשָּׁה וְאֵין לַה' יִתְבָּרַךְ שַׁעֲשׁוּעִים מֵעֲבוֹדָה כָּזֹאת, כִּי הוּא בִּבְחִינַת שֵׁנָה,** (כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר בְּהַתּוֹרָה פָּתַח רַבִּי שִׁמְעוֹן בְּסִימָן ס').

[כא] עיין חיי מוהר"ן שי"ד: **שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר הַפָּחוּת שֶׁבַּאֲנָשַׁי אֲנִי מוֹלִיךְ אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ שֶׁל צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד וְכוּ'.**

עס איז פארהאן אכצן ברכות, זאל מען אוועקגעבן פאר יעדער ברכה כאטש א מינוט.

מען רעדט דא פון דער זאך, מען בעט דעם אויבערשטן - 'רבונו של עולם, גיב מיר 'דעת' - 'חונן הדעת" - א געוואלדיגע ברכה! - 'פארוואס האב איך אזעלכע נארישקייטן?! אז איך האב נישט קיין דעת, האב איך דאך אזעלכע נארישקייטן!'.

אז מען בעט דעם אויבערשטן - 'רבונו של עולם - גיב מיר דעת!' - ווי דארף איך זיך צוהערן צו דער ברכה?! 'חננו מאתך' - גיב מיר דעת!

אזוי אויך, מען בעט דעם אויבערשטן אויף תשובה - א געוואלד! תשובה! תשובה! דער עיקר איז דאך תשובה! געוואלד!

דער אויבערשטער איז דאך א 'רוצה בתשובה'. ווען מען בעט דעם אויבערשטן - 'גיב מיר די זאך פון תשובה', ווי קען מען דאס אוועקלאזן אזוי?! איך בעט דאך דעם אויבערשטן - "החזירנו בתשובה שלימה לפניך", "הרוצה בתשובה", "חנון המרבה לסלוח" - עס איז דאך געוואלדיגע ברכות, יעדע ברכה איז דאך א געוואלדיגע זאך, ממש דער מענטש קען דאך נישט זיין אָן דעם, ווי לאזט מען דאס אפ?!

נאר פארוואס איז עס אזוי? ווייל עס האט נישט קיין התחדשות! א זאך וואס איך טוה דריי מאל אין טאג - דריי מאל אין טאג בעט איך די אייגענע ברכות, איז מען דאך שוין מורגל. דארף מען האבן דעם כח פון רעדן צום אויבערשטן, דאס אויסרעדן פארן אויבערשטן מיט דיבורים: 'רבונו של עולם, איך דאוון אלע טאג די אייגענע שמונה עשרה דריי מאל אין טאג, האב אויף מיר רחמנות עס זאל זיין ביי מיר ניי, פריש!'.

נאר רעדן צום אויבערשטן! מיט דעם ווערט שוין עפעס אנדערש, ווייל אז עס קומט שמונה עשרה, דערוועקט זיך דער כח וואס ער האט געבעטן פריער; און אזוי איז דאס ביי יעדע זאך, מיר רעדן פון תפילה ווייל דאס איז דער שורש פון אלצדינג.

❖

## משיח וועט האבן א גוטע ארבעט

(ר' נחמן: ווער האט געזאגט אז "משיח וועט אריינברענגען א ריינע שמונה עשרה אין דער וועלט!"?) "משיח וועט האבן א געוואלדיגע ארבעט אריינברענגען אין דער וועלט א ריינע שמונה עשרה!".

(ר' נחמן: ווער האט דאס געזאגט?) מיר האבן דאס געהערט פון ר' אברהם ר' נחמן'ס. דאכט זיך מיר - רבי נתן האט דאס אזוי געזאגט.

"משיח וועט האבן א 'גוטע' ארבעט אריינברענגען אין דער וועלט א ריינע שמונה עשרה!".

❖

## מיט יעדעס דריי - דרייען זיך עולמות!

עס איז דא ערליכע אידן וואס האבן נישט קיין מחשבות זרות, אבער התחדשות דאס קען פעלן.

התחדשות, א ווארעמקייט, א לעבעדיגקייט - דאס פעלט, און דאס איז ביים אויבערשטן חשוב!

אין דער היינטיגער סדרה, אין פקודי - די 'היכלות' - אה! אויף יעדעס ווארט, אויף יעדער זאך איז דא א מלאך און נעמט עס אריין! האט עס התחדשות און חיות - גייט עס ארויף למעלה! עס לעבט זיך, א געוואלד, א געוואלד! און אז חלילה פארקערט, אז עס איז נישט אזוי גלאט - ביי יעדעס דריי, יעדער קנייטש, איז שוין דא אויבן מלאכים אויף 'יענער' זייט. און דאס אלץ ווערט נישט פארגעסן, עס ווערט אלץ דערמאנט, סיידן אז דער אויבערשטער העלפט אז דער מענטש טוהט תשובה.

דאס איז דאך נישט קיין קלייניקייט, דער מענטש זאל וויסן, אז ער גיט זיך א דריי 'אזוי' - דרייען זיך 'אזוי' די עולמות; 'אזוי' - דרייען זיך 'אזוי' די עולמות![נב]

[נב] עיין חיי מוהר"ן אות תק"ד: מֵעִנְיַן הַפְלָגַת גְּדֻלַּת הָאָדָם אָמַר: כְּשֶׁהָאָדָם עוֹשֶׂה כָּךְ בְּיָדָיו - נַעֲשֶׂה כָּךְ בְּכָל הָעוֹלָמוֹת, וּכְשֶׁעוֹשֶׂה כָּךְ בְּיָדָיו - נַעֲשֶׂה כָּךְ בְּכָל הָעוֹלָמוֹת. וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: **וָואס טַייטְשׁ, אַ מֶענְשׁ**

ער אליין איז א וועלט!

❖

# "וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים"

(א מענטש וועט זאגן:) 'וואס איך וויל - קען איך טוהן'... - דו קענסט טאקע טוהן וואס דו ווילסט, אבער וואס ווערט פון דעם?! אוודאי קען מען טוהן וואס מען וויל, דו קענסט טוהן 'כל עבירות שבעולם' - און דו קענסט טוהן אלע מצוות, דו האסט 'בחירה', אבער וואס ווערט פון דערפון?!

דער אויבערשטער זאגט[נג]: "הַחַיִּים וְהַמָּוֶת נָתַתִּי לְפָנֶיךָ, הַבְּרָכָה וְהַקְּלָלָה, וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים" - קלויב דיך אויס 'בחיים', "לְמַעַן תִּחְיֶה אַתָּה וְזַרְעֶךָ". איך האב דיר געגעבן צוויי וועגן, וואס דו ווילסט - קענסטו טוהן.

דאס איז טאקע דער כח וואס דער אויבערשטער העלפט אונז צו, אז ער זאגט - 'איך זאג דיר: "ובחרת בחיים" - קלויב זיך אויס בחיים!'[נד].

---

**אַז עֶר טוּט אַזוֹי אַמַאךְ מִיט דֶער הַאנְד - וֶוערְט אַזוֹי גִיטָאן אִין כָּל הָעוֹלָמוֹת, אִין אַז עֶר טוּט אַזוֹי אַמַאךְ מִיט דֶער הַאנְד - וֶוערְט אַזוֹי גִיטָאן אִין כָּל הָעוֹלָמוֹת.** גם עיין שם אות תק"ה: **אָמַר: אַז מֶע זָאל אִיבֶּער קֶערְן אַמֶענְשְׁן וָואלְט מֶען גִיזֶעהן וִויא אִין אִיטְלִיכְן אָדֶערִיל הֶענְגֶען אַלְפֵי אֲלָפִים וְרִבֵּי רְבָבוֹת עוֹלָמוֹת.** אִם הָיוּ מְהַפְּכִין אֶת הָאָדָם (רְצוֹנוֹ לוֹמַר לִרְאוֹת אֶת פְּנִימִיּוּתוֹ) הָיוּ רוֹאִין שֶׁבְּכָל גִּיד וָגִיד מִגִּידָיו תְּלוּיִים אַלְפֵי אֲלָפִים וְרִבֵּי רִבְבוֹת עוֹלָמוֹת.

[נג] דברים ל, יט.

[נד] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ד, אות כ"ח: עַל כֵּן נִקְרֵאת הַבְּחִירָה גּוֹרָל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, ה' מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי (תְּהִלִּים טז) וּכְמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י שָׁם שֶׁזֶּה נֶאֱמַר לְעִנְיַן הַבְּחִירָה, **שֶׁה' יִתְבָּרַךְ הִנִּיחַ יָדוֹ עַל חֵלֶק הַטּוֹב כְּאָדָם שֶׁאוֹמֵר לִבְנוֹ, אֶת זֶה בְּחַר לְךָ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, 'וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים'** הַיְנוּ כַּנַּ"ל. כִּי הַבְּחִירָה הִיא בִּבְחִינַת הַמְדַמֶּה שֶׁהוּא בִּבְחִינַת גּוֹרָל. וְזֶהוּ 'אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי'. הַיְנוּ שֶׁה' יִתְבָּרַךְ מְסַיְּעוֹ לִבְחֹר בְּגוֹרָל הַטּוֹב בְּחִינַת וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י הַנַּ"ל הַיְנוּ כַּנַּ"ל, **כִּי ה' יִתְבָּרַךְ מְסַיֵּעַ אֶת הָאָדָם בְּסִיּוּעַ דִּלְעֵלָּא שֶׁיִּזְכֶּה לִבְחֹר בַּטּוֹב, כִּי הוּא יִתְבָּרַךְ מַקְדִּים רְפוּאָה לַמַּכָּה וּמַמְשִׁיךְ עָלָיו הֶאָרָה וְסִיּוּעַ מִשֹּׁרֶשׁ הַקְּדֻשָּׁה שֶׁרוֹצֶה לְהַגִּיעַ אֵלֶיהָ כַּנַּ"ל. אַךְ שֶׁכָּל זֶה אִי אֶפְשָׁר לְהָבִין כְּמוֹ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהָבִין אֶת הַגּוֹרָל** וְעַל כֵּן נִקְרֵאת הַבְּחִירָה גּוֹרָל כַּנַּ"ל.

פארוואס דארף ער זאגן 'ובחרת בחיים'? נאר איך בעט דיר, 'ובחרת בחיים' - קלויב דיר אוים 'בחיים', 'למען תחיה אתה וזרעך'! אבער אזוי קען מען טוהן וואס מען וויל, ווער וועט אים נישט לאזן? ווער לאזט אים נישט?![נה]

❖

## צער הבושה יותר מעונש גיהנום

די גמרא זאגט[נו], פארוואס א גנב באצאלט כפל - און א גזלן באצאלט נאר דעם קרן אליין? ווייל א גנב מאכט דעם אויבערשטנ'ס כבוד קלענער ווי א מענטשנ'ס כבוד; 'פאר א מענטש היט ער זיך - און פארן אויבערשטן היט ער זיך נישט?!' - צאל מערער! אבער א גזלן איז א גזלן, ער גייט און ראבעוועט, ער האט נישט מורא.

קומט אוים, א מענטש, פון יעדן איינעם שעמט ער זיך צו טוהן עפעס אַן עוולה - אפילו פאר א קינד; אז עס וועט זיין א קליין קינד וואס האט נאר דעת, שעמט ער זיך פאר אים - און פארן אויבערשטן שעמט ער זיך נישט?!

יעדע זאך דארף מען אלץ אויסרעדן פארן אויבערשטן, 'רבונו של עולם, פארוואס שעם איך זיך נישט פאר דיר?! פארוואס פאר א קינד שעם איך זיך - און פאר דיר נישט? פארוואס שעם איך זיך נישט פאר דיר?!'.

די גרויסקייט פון דער צער הבושה בעלמא דאתי איז געוואלדיג גרוים, אפילו דער גיהנום טרעפט נישט אָן אנטקעגן דעם צער הבושה![נז].

---

[נה] עיין באריכות מזה בליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ה, אות ע"ח.

[נו] בב"ק עט:

[נז] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ב בסופו: **וְצַעַר הַבּוּשָׁה גָּדוֹל מְאֹד יוֹתֵר מֵעֹנֶשׁ גֵּיהִנֹּם**. ובליקוטי תפילות על תורה זו, כתב בזה"ל: **אַתָּה לְבַד יָדַעְתָּ שֶׁאֵין צַעַר וְעִנּוּי וְיִסּוּרִין בָּעוֹלָם נֶחֱשָׁבִים כְּלָל כְּנֶגֶד הַצַּעַר שֶׁל הַבּוּשָׁה הַזֹּאת חַס וְשָׁלוֹם**, וַאֲפִלּוּ צַעַר גֵּיהִנֹּם הַקָּשֶׁה וָמַר מִכָּל מִינֵי יִסּוּרִין קָשִׁים וּמָרִים שֶׁבָּעוֹלָם הַזֶּה אֲשֶׁר אִם יִתְקַבְּצוּ יַחַד כָּל מִינֵי יִסּוּרִים וְעִנּוּיִם קָשִׁים וּמָרִים שֶׁבָּעוֹלָם, עַל אָדָם אֶחָד, חַס וְשָׁלוֹם, כָּל יְמֵי חַיָּיו חָלִילָה, לֹא יִהְיוּ נֶחֱשָׁבִים מְאוּמָה כְּנֶגֶד שָׁעָה אַחַת וַאֲפִלּוּ כְּנֶגֶד רֶגַע אַחַת שֶׁל צַעַר שֶׁל גֵּיהִנֹּם **וְאַף-**

## "אדער א נסיון, אדער א בזיון"

איז ווייטער, וואס איז די עצה דערצו? די עצה איז, זיך 'דא' שעמען פארן אויבערשטן, 'דא' האבן א בושה פארן אויבערשטן! "העובר עבירה ומתבייש בה"[נח]; ווי קען זיין 'ומתבייש בה'? אז ער רעדט עס אוים פארן אויבערשטן, דעמאלט קען זיין 'ומתבייש בה'[נט].

דער רבי האט געזאגט רבי נתן'ען: "דו ווערסט אמאל ריטשע רויט פארן **אויבערשטן?!**". מען קען אזוי רעדן צום אויבערשטן און ווערן אזוי רויט, אזוי גלייך ווי **מען איז אים מבזה מיט דעם גרעסטן בזיון - אזוי קען מען ווערן פארן אויבערשטן רויט!**

קיינער איז אים נישט מבזה - נאר ער רעדט צום אויבערשטן, און ער האט אזא בושה - א געוואלד![ס]

דער וואס ער איז אויף זיך ממשיך א בושה אין דעם עולם, ווערט ניצול פון דער בושה פון עלמא דאתי, ווייל ער האט זיך שוין אליין געשעמט.

מען בעט דארטן נאך "אלו דברים"[סא]: "**שֶׁלֹּא אֶכָּלֵם בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְלֹא אֵבוֹשׁ לָעוֹלָם הַבָּא**" - איך זאל נישט פארשעמט ווערן אין דער וועלט, און אין עולם הבא. פלעגן

---

**עַל-פִּי-כֵן אֲפִלּוּ צַעַר שֶׁל גֵּיהִנָּם הַקָּשֶׁה אֵינוֹ נֶחְשָׁב כְּלָל כְּנֶגֶד צַעַר הַבּוּשָׁה, שֶׁהוּא צַעַר גָּדוֹל מִכָּל מִינֵי צַעַר וְיִסּוּרִים שֶׁבָּעוֹלָם, וַאֲפִלּוּ מִצַּעַר גֵּהִינָּם**, כַּאֲשֶׁר גִּלּוּ לָנוּ צַדִּיקֶיךָ הָאֲמִתִּיִּים.

[נח] ברכות יב:

[נט] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ח, אותיות ד' ה', וזל"ש בקיצור (מליקוטי עצות): הַיְנוּ **שֶׁיְּדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת גָּדוֹל לַאֲמִתּוֹ, וִיפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ וִידַבֵּר בַּחֲמִימוּת שֶׁבַּלֵּב** דִּבְרֵי אֱמֶת שֶׁבַּלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת בִּתְשׁוּבָה, עַד שֶׁיִּרְאֶה פְּחִיתוּתָיו וּגְדֻלַּת הַבּוֹרֵא **עַד שֶׁיָּבוֹא לְבוּשָׁה גְּדוֹלָה עַל-יְדֵי זֶה, לְהִתְבַּיֵּשׁ מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ עַל גֹּדֶל פְּשָׁעָיו וְכוּ'**. וְעַל-יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לְאוֹר הַתְּפִלִּין שֶׁהֵם בְּחִינַת דְּבֵקוּת לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁהֵם בְּחִינַת קֵרוּן אוֹר הַפָּנִים, וְעַל יְדֵי זֶה מוֹחֲלִין לוֹ כָּל עֲווֹנוֹתָיו וְיִדַּבֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּעֵץ הַחַיִּים.

[ס] עיין הקדמת ספר השתפכות הנפש: **וּפַעַם אַחַת אָמַר שֶׁיְּכוֹלִין לְהַכִּיר בְּאֶחָד אִם יֵשׁ לוֹ הִתְבּוֹדְדוּת** (חיי"מ ת"מ). **הַיְנוּ כִּי עַל יְדֵי זֶה נִתְגַּלֶּה עַל פָּנָיו בּוּשָׁה וְיִרְאָה גְּדוֹלָה מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ**, וְלֹא לְחִנָּם מְתָאֵר הַפַּיְּטָן אֶת מַרְאֵה הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל בְּצֵאתוֹ מִבֵּית קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים כְּיוֹשֵׁב בַּסֵּתֶר לְחַלּוֹת פְּנֵי מֶלֶךְ, מַרְאֵה כֹהֵן **וּמִכָּל זֶה תָּבִין לְנַפְשְׁךָ מַעֲלַת הַמִּתְבּוֹדֵד וְהַיּוֹשֵׁב בַּסֵּתֶר לִשְׁפֹּךְ לִבּוֹ וְנַפְשׁוֹ כַּמַּיִם נֹכַח פְּנֵי הַשֵּׁם.**

[סא] בתפילה המתחילה "קל אלקי הרוחות" מספר שערי ציון.

אונזערע לייט טייטשן, דאס איז תלוי איינס אין דעם אנדערן; אז איך זאל נישט ווערן פארשעמט אין דער וועלט, איז 'ולא אכלם לעולם הבא'.

אז דער מענטש טוהט א זאך אין דער וועלט וואס דאס איז א בושה, וועט ער האבן דארטן א כלימה, אבער אז איך וועל דא נישט ווערן פארשעמט, איך וועל נישט טוהן דא א זאך וואס איך וועל האבן בושה, וועל איך דארטן נישט האבן קיין כלימה.

ווי אזוי קען דאס זיין 'שלא אבוש בעולם הזה'? נאר דורך די עצה קען זיין 'שלא אבוש'.

דער רבי האט געזאגט[סב]: "**אדער א נסיון, אדער א בזיון!**". אויב מען איז נישט עומד בנסיון, האט מען א בזיון...

קומט דאך אויס, וויבאלד עס איז א בזיון - האט מען א בזיון! "שלא אכלם בעולם הזה" - איך זאל נישט האבן דעם בזיון אין דער וועלט!

אז עס ברענט אמאל א נסיון פון קוקן, צו א נסיון פון רעדן, א נסיון פון טראכטן, (אזוי יתפלל:) 'רבונו של עולם, לאמיר נישט פארשעמט ווערן; אויב איך וועל נישט עומד בנסיון זיין איז דאך שוין דא א בזיון, "אדער א נסיון, אדער א בזיון", לאמיר נישט ווערן פארשעמט!'.

[סב] שיחות הר"ן אות ד"ש. גם עיין שם אות ש"ג.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מו"ה **יעקב דוב מיללער** הי"ו

וויליאמסבורג

לרגל הולדת בתו למזל טוב

מו"ה **שמעון ישראל פאזען** הי"ו

וויליאמסבורג

לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו"ה **יואל אלי' וועבער** הי"ו

וויליאמסבורג

לרגל אירוסי בתו למזל טוב

מו"ה **אלכסנדר הלוי גאלדרינג** הי"ו

ולאביו ידידינו מו"ה **יהודה לייב** הי"ו

מאנסי

לרגל נישואי בנו/נכדו החה"ח צבי ני"ו למזל טוב

מו"ה **יושע הערש פריעדמאן** הי"ו

מאנסי

לרגל הכנסת בנו כמר אברהם יהודה לעותומ"צ למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך **אלטר נפתלי בן ציון בן מינדל** לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה ע"ה בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים